א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויגש

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### די סוד פון קריאת שמע

צוויי און צוואנציג יארן פון בענקעניש און א שטארקע זארג האבן אפגעטיילט צווישן יעקב אבינו ע"ה מיט זיין באליבטן זוהן. אין לויף פון די צוויי און צוואנציג יאר האט יעקב געגלייבט מיטן גאנצן הארץ אז יוסף לעבט נאך (ראה ב"ר צא ו) און ער האט קיינמאל נישט פארלוירן זיין האפענונג פון זיך צוריק טרעפן מיט אים.

אבער ווען עס איז אין ענדליך אנגעקומען די ערווארטענע מינוט און יעקב איז געוואר געווארן אז "עוד יוסף חי", האט יעקב מורא געהאט אראפגיין קיין מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין תרגום יונתן (מו ג) אז יעקב האט געציטערט אז ס'קען זיין אז מיט דעם וועט זיך אנהויבן די שווערע גזירה וואס איז געזאגט געווארן פאר אברהם אבינו ע"ה ביים ברית בין הבתרים (טו יג): "יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה".

וויבאלד יעקב האט געציטערט אראפגיין קיין מצרים, האט אים דער אויבערשטער בארוהיגט און געזאגט (מו ד): "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה וְיוֹסֵף יָשִׁית יָדוֹ עַל עֵינֶיךָ".

#### צודעקן די אויגן בשעת'ן ליינען קריאת שמע

די כוונה פון די הבטחה "ויוסף ישית ידו על עיניך" ערקלערט דער גאון **רבי אברהם יהודה שווארץ** אין זיין וואונדערליכע הקדמה צו זיין ספר '**קול אריה**' (אות ז) געבויעט אויפן זוהר הקדוש אויף דעם פסוק: "דא היא רזא דקריאת שמע", ד.מ. דאס איז די סוד פון קריאת שמע.

ערקלערט דער 'קול אריה': אויף די וועלט, איבערהויפט אין דעם שווערן גלות וואס מיר געפינען זיך, יעדער פון אונז גייט אריבער נישט ווייניג שוועריקייטן; אבער מיר גלייבן אז אלעס איז לטובה, אבער מיר זענען עס נישט אייביג זוכה צו זעהן מיט אונזערע אויגן. אבער לעתיד לבוא, אינעם עולם האמת, וועט יעדער זוכה זיין צו זעהן וויאזוי יעדע געשעהניש וואס איז אריבער אויף אונז איז געווען לטובה.

ענליך צו טייטש דער '**חתם סופר**' אויפן פסוק אין פרשת כי תשא (שמות לג כג): "וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אז אין די זמן פון די גלות הערשט א הסתר פנים און מיר קענען נישט זעהן דאס גוטס וואס איז באהאלטן אין יעדע פאסירונג, אבער לעתיד לבוא וועט מקויים ווערן ביי אונז "וראית את אחורי" - מיר וועלן קענען קוקן אויף צוריק און פארשטיין וויאזוי אלעס איז געווען לטובה.

אין מסכת ברכות (יג ב) ברענגט די גמרא, אז רבי האט אריבער געפירט די הענט אויף זיינע אויגן און דעמאלטס האט ער מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים פון קריאת שמע (ראה טור או"ח סא), ערקלערט דער 'קול אריה' די טעם, ווייל די עיקר כוונה ביי זאגן "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד" איז די אמונה אז סיי וואס פאר אונז זעהט אויס ווי מידת הרחמים (= הוי"ה) און סיי וואס פאר אונז זעהט עס אויס ווי מידת הדין (= אלוקים) - אלעס קומט פונעם זעלבן מקור הרחמים והחסדים. וועגן דעם האט רבי צוגעדעקט זיינע אויגן, אונז צו לערנען אז אין יעדע פאסירונג וואס גייט אדורך, דארפן מיר נישט אריינטראכטן אין וואס מיר זעהן מיט די אויגן, נאר מיר דארפן פארשטיין אז אלעס איז פאר אונזער טובה מיט חסד און רחמים.

לויט דעם קען מען פארשטיין וואס דער זוהר זאגט אויף דעם פסוק "ויוסף ישית ידו על עיניך" אז דא איז באהאלטן די סוד פון קריאת שמע, ווייל אויך דא האט דער אויבערשטער מרמז געווען פאר יעקב דעם אויבנדערמאנטן יסוד, אז פון די געשעהנישן מיט יוסף דארף ער זיך לערנען אז יעדע פאסירונג איז נאר לטובה, אזוי ווי יוסף האט געזאגט צו זיינע ברודער (מה ה): "וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹהִים לִפְנֵיכֶם" - ווען אין ענדע איז מען געוואר געווארן אז די אלע שווערע יארן אין מצרים איז געווען לטובה.

און אזוי ווי ביי די שווערע געשעהניש פון יוסף זענען אלע איבערגעצייגט געווארן ווי אזוי דער אויבערשטער דרייט איבער וואס עס האט אויסגעזעהן שלעכט צו א טובה, אזוי אויך דאס אראפגיין פון יעקב קיין מצרים וועט זיין לטובה - "כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם". ביז דא זענען די ווערטער פונעם 'קול אריה'.

ענליך צו דעם שרייבט אויך דער '**משך חכמה**' אויף דעם פסוק: "ישית ידך" - ער וועט פארמאכן זיינע אויגן דו זאלסט נישט פארשטן און נאכקוקן די וועגן פונעם אויבערשטנ'ס השגחה ווייל עס איז זייער טיף. ווייל ווער האט געגלייבט און ווער האט געטראכט אז די ציל פון די צער פון יוסף וועט אין ענדע צוברענגען אז ער וועט וואוינען אין מצרים און ער וועט זיין דארט דער געוועלטיגער, און אלע וועלן זיין אונטערגעטעניגט אונטער אים. און דאס איז די כוונה פונעם זאגן 'ישית ידו' ד.מ. - ער וועט פארדעקן די קוק פון דיינע אויגן און ער וועט דיר אויסלערנען א נייע קוק.

#### גם זו לטובה

דער וואונדערליכער יסוד איז דער שורש פון דער ווערטער פון רבי עקיבא אין מסכת ברכות (ס ב): "אייביג זאל א מענטש זיין געוואוינט צו זאגן: כל דעביד רחמנא לטב עביד", וואס איז טייטש - 'אלעס וואס דער אויבערשטער טוהט, טוהט ער עס לטובה', און אזוי האט ער זיך אויך אויפגעפירט אויף יעדן טריט און שריט, אזוי ווי די גמרא ברענגט די באקאנטע ערציילונג מיט רבי עקיבא, אמאל איז ער געגאנגען צו א שטאט ווען ער האט מיטגענומען מיט זיך געהאט א ליכט, א אייזל און א הינדל, און ווען ער איז געווען אינדרויסן פון די שטאט האט זיך פארלאשן דער ליכט און די חמור מיט די הינדל זענען פארצוקט געווארן, האט רבי עקיבא באלד רעאגירט: 'כל דעביד רחמנא לטב עביד'. און טאקע אזוי, שפעטער האט רבי עקיבא זוכה געווען צו זעהן דעם אויבערשטנ'ס השגחה מיט זיינע אויגן, ווען א באנדע רויבער'ס זענען באפאלן די איינוואוינער פון די שטאט, איז דעמאלטס קלאר געווארן אז אויב די ליכט, די אייזל און די הינדל וואלטן ווען יא געווען, וואלטן אים די רויבער'ס יא באמערקט.

מיט די אויפירונג האט רבי עקיבא פארגעזעצט דעם וועג פון זיין גרויסער רבי (ראה שבועות כו א) 'נחום איש גם זו', וואס ער וועט אזוי אנגערופן ווייל ער איז געווען געוואוינט צו זאגן: "גם זו לטובה". אזוי ווי דער '**ארחות צדיקים**' (שער ט, וראה שו"ע או"ח רל ה) שרייבט: "א מענטש זאל צוגעוואוינען זיין מויל צו זאגן 'גם זו לטובה' אדער 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' ווייל עס זענען פארהאן שלעכט'ס וואס אין ענדע זעהט מען אז זיי זענען יא א טובה ....א משל צו צוויי מענטשן וואס האבן געוואלט פארן מיט א שיף, איינער איז געשעדיגט געווארן אויפן וועג אז ער האט נישט געקענט פארן מיטן שיף, און זיין פריינד איז יא געפארן מיט דעם שיף, האט דער ערשטער זיך אפגערעדט. שפעטער האט ער געהערט אז די שיף איז דערטרונקען געווארן און אלע מענטשן וואס זענען געווען אויף איר זענען געשטארבן, דעמאלטס האט ער אנגעהויבן לויבן דעם באשעפער, ווען ער האט פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט דורך דעם אים געראטעוועט פון זיכערע טויט".

#### די שלעכט איז די גוט'ס אליין

אין ספר '**תולדות יעקב יוסף**' (ויחי) ערקלערט ער די צווישנשיינד צווישן די ווערטער פון רבי עקיבא צו די ווערטער פון נחום איש גם זו: רבי עקיבא וואס האט געזאגט 'כל דעביד רחמנא לטב עביד' האט אנגעקוקט דעם שלעכט ווי שלעכט, אבער ער איז געווען זיכער ביי זיך אז פון דעם וועט ארויס קומען גוט'ס. אבער נחום איש גם זו האט געהאלטן אז מ'קען אנקוקן דעם שלעכט מיט א גוטע אויג, און דורך דעם וועט עס באלד ווערן א טובה.

און וויאזוי נחום איש גם זו האט זיך אויפגעפירט האט מען זיך מיט אים אויפגעפירט, אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין גמרא (תענית כא א) אז ווען מ'האט געשיקט מיט אים א קאסטן פול מיט טייערע שטיינער אלץ א מתנה צום קייסער, און ביינאכט האט ער באמערקט אז גנבים האבן פארטוישט דעם טייערן אוצר מיט זאמד, האט ער געזאגט 'גם זו לטובה' און ער האט פארגעזעצט זיין וועג. און די שלעכט'ס איז שפעטער איבערגעדרייט געווארן אויף גוט'ס, ווען די זאמד איז געווארן ווי שווערדן און שפיזן וואס מיט זיי האט דער קעניג געוואונען זיינע פיינט.

אבער לכאורה וואלט מען געקענט פרעגן, וויאזוי האט זיך נחום איש גם זו פארלאזט אויף א נס? אבער לויט דעם אויבנדערמאנטן שמועס ערקלערט דער 'תולדות', אז אלץ די קוק פון נחום איז עס אינגאנצן נישט גערעכנט ווי א נס, ווייל זיין בטחון איז געווען אזוי שטארק אז אויך א זאך וואס קוקט אויס ווי שלעכט איז אין אמת'ן גוט, און וועגן דעם האט ער געקענט פארזעצן זיין וועג ווי עס וואלט גארנישט פאסירט.

מיר וועלן ענדיגן מיט א וואונדערליכן משל וואס דער חזון איש האט געענטפערט פאר עטליכע אידן וואס האבן איבערגעלעבט דעם ביטערן קריג און זיי האבן געוואלט האבן א בליק אויף וואס עס האט פאסירט: א מענטש איז אריין צו א שניידער, און אט זעהט ער וויאזוי דער שניידער נעמט א שיינע סחורה און צושניידט עס אויף שטיקלעך. דער מענטש הויבט באלד אן צו שרייען: וואס איז געשעהן מיט דיר, פארוואס פארדארבסטו די שיינע סחורה? אבער דער שניידער האט אים געוויזן ער זאל צווווארטן אביסל, און טאקע אזוי, נאך עטליכע שעה האט זיך ארויס געשטעלט אז די שטיקלעך סחורה איז געווארן א שיינע קלייד.

אויך ענק, האט דער חזון איש פארענדיגט, ביז דערווייל האבן ענק נאר געזעהן וויאזוי דער שניידער צורייסט די קלייד אויף שטיקלעך, איך וואונטש ענק אן אז ענק זאלן בקרוב זוכה זיין צו זעהן מיט ענקערע אויגן דעם וואונדערליכן קלייד וואס דער אויבערשטער וועט נייען פון די צוריסענע שטיקלעך, אין די צייט פון די גאולה שלימה וואס וועט זיין במהרה בימינו אמן (מעדותו של הגר"י ניימאן זצ"ל, 'אוצרות התורה').

#### יעקב אין דעם סוד פון אמן

"וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל יַעֲקֹב כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל פַּרְעֹה יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה" (מז ח-ט)

דער נאמען פון 'יעקב' באטרעפט 182 וויפיל עס באטרעפט צוויי מאל 'אמן', און אזוי אויך די גימטריה פון די ראשי תיבות 'פרעה **אל** יעקב' און פון די ראשי תיבות 'יעקב **אל** פרעה' היא 91.

לויט דעם קען מען אפשר זאגן בדרך רמז, אז פרעה האט זיך אינטערעסירט ביי די פראגע וואס איז דער סוד פון זיין עבודה און זיין אריכות ימים אויף דעם וועלט? האט אים יעקב געענטפערט אז דער ציל פון זיין עבודה איז צו מייחד זיין דעם שם 'הוי"ה' און 'אדנ"י' [וואס זיי זענען צוזאמען 'אמן'] וואס דאס איז אויך די תיקון וואס ווערט דורכ'ן ענטפערן אמן.

'מאור ושמש'

## א שמירה אין זכות אמן

אין ז' טבת געפאלט די יארצייט פון הגה"ק רבי **משה דוד וואלי** זצ"ל, דער גרויסער תלמיד און איש סודו פון דער רמח"ל.
דער רמ"ד האט איבערגעלאזט נאך זיך אסאך חשוב'ע ספרים וואס רעדן פון די פנימיות התורה,
וואס צווישן זיי קען מען אסאך מאל זעהן ווי שטארק ער האט געשעצט דאס ענטפערן אמן, די טיפקייט און איר סגולה.

און אזוי שרייבט דער רמ"ד איבער די פסוק "ברוך ה' לעולם אמן ואמן" (תהלים פט נג):

**אין די ווערטער 'לעולם אמן ואמן' איז אונז די פסוק מרמז, אז דער הייליגער ייחוד וואס קומט ארויס פון ענטפערן אמן, וואס דורך דעם כח ווערט כלל ישראל אפגעהיטן פון אייביג אן, דאס וועט אונז ווייטער באגלייטן אין אלע גלות טעג, און דאס וועט אונז ברענגען די גרויסע ישועה.**



**לאמיר זיך שטארקן מיט די מצוה פון ענטפערן אמן מיט כוונה, ספעציעל נאך די ברכות השחר, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די באשיצונג און די שמירה וואס איז צוגעזאגט פאר די וואס געבן אכטונג עס צו ענטפערן ווי עס דארף צו זיין.**

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## די דריי טריט פארן דאווענען

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה"** (מד יח)

דער רוקח שרייבט אין אנהויב הלכות תפילה, אז בעפאר א מענטש גייט דאווענען שמונה עשרה זאל ער גיין דריי טריט פאראויס [און אזוי פסק'נט דער רמ"א (או"ח צה א)].

א מקור אויף דעם מנהג לערנט ארויס דער רוקח פון דעם וואס די ווארט "ויגש" שטייט דריי מאל אין תנ"ך: א. "וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם" (בראשית יח כג), ב. "וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה", ג. "וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא" (מלכים א' יח לו).

## תשובה דרייט איבער דין אויף רחמים

**"שֻׁבוּ שִׁבְרוּ לָנוּ מְעַט אֹכֶל"** (מד כה)

הרה"ק דער בעל **'צמח צדיק'** פון וויזשניץ זאגט: די גימטריה פון 'לנו' איז 86, ווי די גימטריה פון 'אלה-ים' וואס איז די מידת הדין; דא איז די רמז אז דורך תשובה קען מען איבערדרייען דעם מידת הדין אויף מידת רחמים, און דאס איז די רמז 'שובו' - ד.מ. תשובה, שברו 'לנו' - צוברעכט די מידת הדין.

## די טויטע שפירן די ווייטאג פון די לעבעדיגע

**"וְהָיָה כִּרְאוֹתוֹ כִּי אֵין הַנַּעַר וָמֵת וְהוֹרִידוּ עֲבָדֶיךָ אֶת שֵׂיבַת עַבְדְּךָ אָבִינוּ בְּיָגוֹן שְׁאֹלָה"** (מד לא)

ערקלערט דער **'עקידת יצחק'**: עס איז באקאנט אז דער אויבערשטער שטראפט נישט דעם בעל עבירה אויב דורך זיין שטראף וועלן אנדערע וואס זענען נישט שולדיג האבן א ווייטאג וואס עס קומט זיך נישט פאר זיי.

לויט דעם טענה'עט יהודה פאר יוסף: אויך אויב פאר בנימין קומט זיך א שטראף - דאך קענסטו אים נישט שטראפן, ווייל דורך דעם וועט זיין טאטע דער צדיק האבן פון דעם צער, און ער איז דאך זיכער נישט שולדיג.

לויט דעם ערקלערט דער **מהר"ם שיק** (שו"ת, או"ח רצב) די ספעציעלע סגולה פון דאווענען אויף קברי צדיקים, ווייל פאר די טויטע טוהט וויי ווען זיי הערן די צרות פון די לעבעדיגע, און די צער קומט דאך נישט פאר זיי, וועגן דעם העלפט זיי דער אויבערשטער.

## די ריינע אמונה פון יוסף

**"שָׂמַנִי אֱלֹהִים לְאָדוֹן לְכָל מִצְרָיִם"** (מה ט)

הרה"ק רבי ישראל פון רוזשין האט געפרעגט: וואס איז דאס א גוטע בשורה פאר יעקב דער צדיק אז זיין זוהן איז דער קעניג אויף גאנץ מצרים? נאר: די ווארט 'שמני' קען מען טייטשן ווי עס וואלט געשטאנען צוויי ווערטער: 'שם אני', דארט בין איך, און לויט דעם קען מען זאגן אז יוסף האט דערציילט פאר זיין טאטע אז 'שם אני אלוקים לאדון לכל מצרים' - נישט נאר אז איך האלט נאך אן מיין ריינע אמונה, נאר איך טוה אויך אויף מיט דעם וואס איך בין דארט אז איך לערן אויס פאר די מצריים אז דער אויבערשטער איז דער האר פון די גאנצע לאנד מצרים!

דער גאון **רבי יעקב ניימאן** זצ"ל לייגט צו, אז יוסף איז געקומען אויפווייזן פאר זיין טאטע זיין שטארקע אמונה אין דעם באשעפער, אז כאטש וואס אין די מענטש'ס אויגן קוקט אויס אז פרעה האט אים דערהויבן צו זיין א קעניג, פון דעסוועגן גלייבט ער מיט אמונה שלימה אז 'שמני אלוקים לאדון' - אז דער אויבערשטער האט אים געשטעלט צו זיין דער קעניג.

'דרכי מוסר'

## א תפילה שטילערהייט ווערט שטענדיג אנגענומען

**"וְהַקֹּל נִשְׁמַע בֵּית פַּרְעֹה"** (מה טז)

א וואונדערליכער יסוד ברענגט דער **זוהר הקדוש** (ויגש י א) אויף דעם פסוק: פארוואס שטייט 'הקל נשמע' אן קיין ווא"ו? כדי מיר זאלן וויסן אז א תפילה וואס מ'בעהט שטילערהייט פון טיפעניש פון הארץ ווערט שטענדיג אנגענומען!

און עס איז באקאנט די טייטש פונעם **שרף פון קאצק** אויפן מאמר חז"ל (שבת יב א) "שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא", אז ווען א מענטש פארמאכט זיין מויל פון צו שרייען - איז דאס דער גרעסטער געשריי, און ער איז שוין א געהאלפענער ('מקדש מעט' תהילים כב כה).

## פארוואס האט יעקב מתקן געווען פונקט מעריב

**"וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְיִשְׂרָאֵל בְּמַרְאֹת הַלַּיְלָה"** (מו ב)

די אבות הקדושים זענען אלע געווען נביאים, דאך נאר ביי יעקב אבינו טרעפן מיר אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אים ביינאכט, אזוי ווי עס שטייט 'מראות הלילה', סיי דא און סיי ביי זיין חלום וואס ווערט דערמאנט אין פרשת ויצא. די טעם איז, ווייל יעקב וועט גיין אין גלות קיין מצרים, האט דער אויבערשטער זיך באוויזן צו אים ביינאכט און מיט דעם האט ער אים געוויזן אז אויך אין דעם פינסטערן גלות רוהט נאך אלץ די שכינה בישראל.

דער יסוד איז אויך מרומז אין די לשון פון די פסוק (תהילים כ ב) **"יַעַנְךָ ה' בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם אֱלֹקֵי יַעֲקֹב"**, און דורך דעם קענען מיר אויך פארשטיין פארוואס פונקט יעקב האט מתקן געווען צו דאווענען מעריב וואס מ'דאווענט ווען עס איז פינסטער.

'משך חכמה'

## פארוואס האט זיך יעקב צוגעאיילט צו ליינען קריאת שמע

**"וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָיו וַיֵּבְךְּ עַל צַוָּארָיו עוֹד"** (מו כט)

טייטש רש"י: "אבער יעקב איז נישט ארויף געפאלן אויף יוסף און האט אים נישט געקישט, זאגן חז"ל ווייל ער האט דעמאלטס געליינט קריאת שמע".

לכאורה איז עס זייער שווער צו פארשטיין: מה נפשך, אויב יעקב מיט יוסף האבן זיך צוזאם געטראפן אין די צייט וואס דעמאלטס דארף מען ליינען קריאת שמע, איז פארוואס האט יוסף נישט געליינט קריאת שמע צוזאמען מיט זיין טאטע, און אויב עס איז נאכנישט געווען די צייט פון קריאת שמע, איז פארוואס האט יעקב יא געליינט?

ברענגט דער **'מנחת יצחק'** (עה"ת) א וואונדערליכן הסבר אויף דעם אין נאמען פון זיין שווער **רבי פנחס צימעטבוים** דער רב פון גראסווארדיין:

עס איז באקאנט די ווארט פונעם גאון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זצ"ל (הובא ב'מרא דארעא דישראל' ח"ג עמ' קלח) אז ווער עס גיבט נישט אכטונג צו מחנך זיין זיינע קינדער בדרך התורה והמצוות ווי עס דארף צו זיין, קומט אויס אז בשעת'ן ליינען קריאת שמע זאגט ער א ליגנדן עדות אויף זיך, ווייל וויאזוי ליינט ער אין די קאפיטל די באפעל פון "ושננתם לבניך" און ער איז עס נישט מקיים?!

לויט דעם קען מען זאגן, אז אין לויף פון די צוויי און צוואנציג יאר ווען יעקב אבינו האט געליינט קריאת שמע און האט דערמאנט דעם ציווי 'ושננתם לבניך', האט אים זיין הארץ געקלאפט אויף יוסף זיין באליבט קינד, אפשר גייט ער שוין נישט אויפן אידישן וועג חלילה... וועגן דעם, גלייך ווען ער האט זיך געטראפן מיט יוסף און ער האט געזעהן אז ער איז געבליבן איגאנצן ערליך, האט ער געליינט קריאת שמע מיט די ריכטיגע כוונה, דאס מאל מיט א קלארע געפיהל אז ער זאגט א אמת'דיגע עדות אויף זיך.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א גוטע סוף - נאך 40 יאר

נישט אייביג זענען מיר זוכה צו זעהן דעם גוטן סוף וואס עס איז אין יעדע געשעהניש, אבער עס זענען פארהאן איינציגע פעלער וואס עס עפנט זיך פאר אונז א קליינע שפאלט וואס דורך דעם קענען מיר זעהן מיט אונזערע אויגן ווי ווייט קען אויך גאר א שווערע פאסירונג ווערן איבערגעדרייט אויף די גרעסטע טובה. אזוי ווי ביי די ערציילונג וואס איז פאר אונז:

די 'קריסטאל נאכט' וואס ווערט געדענקט אויף שלעכט האט צוגעברענגט צו א שטארקער טויש אין דעם לעבן פון די דייטשע אידן. נאך צעהנדליגע און הונדערטער יארן וואס די אידן האבן געהאנדלט מיט די גרעסע רייכע מענטשן און אויך מיט די הויכע געזעלשאפט, האבן זיי פלוצלינג אנגעהויבן צו שפירן אז די ערד ברענט אונטער זיי. דאס אנטיסימעטיזעם וואס איז אייביג געווען באהאלטן, האט מיטאמאל געהויבן איר קאפ, אין גאנץ איירופא און איבערהויפט אין דייטשלאנד.

אין לויף פון די קומענדיגע יארן האבן הונדערטער טויזנטער אידן צוזאמם געפאקט זייער פארמעגן, פארקויפט וואס מ'האט געקענט פארקויפן און פארלאזט דעם ברענענדיגן לאנד. אסאך אנדערע האבן פראבירט פארצוזעצן, ווי ווייט עס איז מעגליך געווען, זייער לעבנ'ס געוואוינהייט, און עס זענען געווען וואס האבן כאטש געזארגט צו ראטעווען זייערע קינדער פון די סכנה וואס האט זיי אפגעווארט ביים טיר.

די טרערנדיגע געזעגענונגען פון די קינדער איז געווארן א אפטע ערשיינונג צווישן די סאך אידישע פאמיליעס וואס זענען נאך אלץ איבערגעבליבן אין דייטשלאנד, איינס נאכן צווייטן זענען אוועק געשיקט געווארן גרופעס פון קינדער אויף א לאנגן שווערן וועג וואס קיינער האט נישט געוואוסט ווען און וויאזוי וועט זיך עס ענדיגן.

בייזע מלחמה ווינטן האבן שוין אנגעהויבן צו בלאזן מיט א שטארקייט, ווען די קינדער זענען אנגעקומען קיין ענגלאנד, און נאך בעפאר זיי האבן אנגעיאגט זיך צו געוואוינען צום נייעם פלאץ האט שוין אויסגעבראכן די מלחמה מיט איר פולן קראפט, דייטשלאנד איז געווארן א ביטערע פיינט פאר ענגלאנד, און די טויזנטער בריגער פון דעם פיינט וואס זענען דעמאלטס געווען אין ענגלאנד זענען מיטאמאל פארדעכטיגט געווארן מיט שפיאן.

אזוי, נאך בעפאר זיי האבן אנגעיאגט אנהייבן זייער נייער לעבן און זיך אפרועהן פון די פלאגענישן פון דעם שווערן וועג, האבן די יונגע קינדער זיך שוין געטראפן ווארטן אינעם פארט-שטאט ליבערפול, ווי זיי ווערן דארט ארויף געלייגט אויף שוואכע לאסט-שיפן, וואו מ'פירט זיי אוועק אויף א לאנגע און שווערע וועג קיין אויסטראליע, דארט האבן די ענגלענדער באשלאסן צו פארטרייבן די 'מרגלים'.

די ענגשאפט און דאס שטיפעניש איז געווען נישט צום אויסהאלטן, אויך די טעגליכע באדערפענישן זענען גארנישט גרינג געווען, די עסן און די טרינקען האט מען געגעבן מיט א מאס, די בעהטן זענען נישט געווען אויף צו שלאפן, און מער פון אלעם איז געווען דאס שוועריקייט פון צו מקיים זיין דארט מצוות:

יעדן טאג האבן זיי געדארפט טרעפן א נייע לעזונג וויאזוי צו קענען דאווענען מיט מנין, און אויך דאס עצם דאווענען איז זייער שווער אנגעקומען, זיי האבן געהאט ביי זיך נאר עטליכע סידורים וואס איז געווען געשריבן אויף די דייטשע שפראך, וואס יעדער האט עס באקומען נאר אויף עטליכע מינוט און באלד האט מען עס געדארפט איבער געגעבן פאר א צווייטן.

דאך האבן זיי אכטונג געגעבן צו דאווענען יעדן טאג, ביז יענעם ביטערן טאג וואס עס איז פון אוועק געריסן געווארן פון זיי די מעגליכקייט.

דאס איז געווען דורך א אום פארשטענליכע ענגלישע באפעל, מיט זיי האט מען מיט געשיקט אסאך פארברעכער וואס זייער ארעסט שטראף האט מען אויפגעטוישט אויף ארבעטן, און זיי האבן זיך געדארפט אפגעבן מיט די רייזע. די אונטערוועלטניקעס האבן נישט איינמאל זיך אריינגע'גנב'עט אין די צימערלעך און גענישטערט אין מאגערע פעקלעך פון די מיטרייזנדע, ווען יעדע זאך וואס עס האט אויסגעזעהן ווערדפול האבן זיי שנעל אוועק געכאפט. נאכדעם האבן זיי זיך באזעצט אין די עק פון די שיף און באקוקט זייער רויב.

די טייערע זאכן האבן זיי גענומען פאר זיך און די איבעריגע האבן זיי אריין געווארן אין ים. די 'איבעריגע' זאכן איז צומאל אויך געווען די גאנצע וועלט פון די נעבעכדיגע אנטלאפענע, וואס זיי האבן איבער געלאזט אנטער זיך א שטוב פון עלטערן און ברודער וואס ווער ווייסט צי זיי וועלן נאך זוכה זעהן זיי צוזעהן.

יעדע אזא פארלירונג האט צוגעברענגט פאר די קינדער א ביטערע פיין, אבער עס זעהט אויס אז דאס ערגסטע קלאפ האבן זיי געכאפט ווען די באנדע האבן געטראפן דעם קעסטל ווי דארט איז געווען די סידורים דאס טייערסטע פון אלעם.

אין מינוט איז אריינגעווארפן געווארן די קאסטן אין די וואסערן אקעגן די אויגן פון די פארוואונדערטע קינדער. פון צווישן די פלייץ פון די טרערן האבן זיי געזעהן מיט די אויגן וויאזוי די הייליגע ספרים שווימען עטליכע מינוט ביז זיי זענען אין ענדע איינגעזינקען געווארן. פון יעצט און ווייטער, האבן זיי געוואוסט, אז זיי וועלן זיך דארפן א עצה געבן אן די הייליגע ספרים און זיי האבן נישט געוואוסט וויאזוי זיי וועלן עס טוהן.

די ווייטאג איז געווען זייער שווער און ביטער!

*

פערציג יארן נאכדעם איז פארשפרייט געווארן אין די דייטשע צייטונגען א ביכל פון אלטע זכרונות פון איינער פון די דייטשע גענעראלן אין די צייט פון די צווייטע וועלט'ס מלחמה, צווישן די זאכן וואס ער שרייבט שטייט דארט אזוי:

'אין די און די טאג, אין די צייט פון א געוועליכע שפאציר אויפן ים האבן מיר באמערקט א ענגלישע שיף. די קלארע באפעל וואס מיר האבן באקומען איז געווען צו שיסן, אן צווייפלען!, און אזוי האבן מיר טאקע געטוהן, מיר האבן אנגעגרייט א באמבע און געקוועשט. אבער דער ערשטער באמבע האט נישט געצילט.

מיר האבן ארויף געלייגט א צווייטע באמבע, ווען מיר האבן עס געוואלט ארויס שיסן האט דער אויפזעהער פון די 'פריסקאפ' [קוקער] פלוצלינג געשריגן מיר זאלן אפשטעלן. ער האט פלוצלינג באמערקט די ביכער - וואס זענען געווען געשריבן אויף דייטש - וואס זיי זענען ארויס געווארפן געווארן פון די שיף און זיי זענען געשווימען אויפן וואסער, פון דעם האט ער פארשטאנען אז עס האנדלט זיך פון א שיף וואס טראגט דייטשע געפאנגענע. מיר האבן זיך זייער שנעל דערווייטערט פון דארט...'

אויף גאר א אינטערסאנטער וועג איז די באריכט אנגעקומען צו די אויערן פון איינעם פון די גרופע וואס זיי האבן שוין אין לויף פון די צייט אנגעיאגט צו ווערן טאטעס און זיידעס. יענער האט עס פארציילט פאר עטליכע פון זיינע פריינד, און זייער שנעל איז דאס געווארן די נייעס פון דעם טאג.

דאס איז געווען א אויסטערלישע געלעגנהייט וואו אלע האבן זוכה געווען צו זעהן קלאר וויאזוי עס ווערט פארווירקליכט: "כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד".

'לקח טוב', אמונה ונחמה עמ' לה

עיצובים shay